11 ישׂראל האָבֿ איך אַזאַ אמונה נישט געפֿונען. און
איך זאָג אײַך: אַ סך װעלן קומען פֿון מזרח און פֿון
מערבֿ, און װעלן זיך אַנידערזעצן מיט אבֿרהם,
און מיט יצחקן, און מיט יעקבֿן, אין דעם מלכות
12 השמים. די קינדער אָבֿער פֿון דעם מלכות װעלן
אַרױסגעװאָרפֿן װערן אין דער פֿינסטערניש אינ־
דרױסן; דאָרטן װעט זײַן דאָס קלאָגן און דאָס קריצן
13 מיט די צײן. און ישוע האָט געזאָגט צו דעם אָפֿיציר:
גײ, זאָל דיר געשעען אַזױ, װי דו האָסט געגלױבט!
און דער משרת איז געהײלט געװאָרן אין יענער
שעה.
14 און װען ישוע איז געקומען צו פּעטרוסן אין הױז
אַרײַן, האָט ער געזען זײַן שװיגער ליגן קראַנק
15 אױף אַ קדחת. און ער האָט אָנגערירט איר האַנט,
און דאָס פֿיבער האָט זי פֿאַרלאָזן; און זי איז
16 אױפֿגעשטאַנען, און האָט אים באַדינט. און װען
עס איז געװאָרן אָװנט, האָט מען געבראַכט צו
אים אַ סך באַזעסענע מיט בײזע גײסטער, און ער
האָט אַרױסגעטריבן די גײסטער מיט אַ װאָרט, און
17 אַלע קראַנקע געהײלט; כּדי עס זאָל דערפֿילט
װערן, װאָס עס איז געזאָגט געװאָרן דורך ישעיה
הנבֿיא, אַזױ צו זאָגן: ער אַלײן האָט אָװעקגענומען
אונדזערע קראַנקײטן, און געטראָגן די לאַסט פֿון
אונדזערע װײטאָקן. (ישעיהו נג, ד.)
18 און אַז ישוע האָט געזען אַ המון מענטשן אַרום
זיך, האָט ער באַפֿױלן אַװעקצופֿאָרן אױף דער
19 אַנדערער זײַט ים. און אַ סופֿר איז געקומען, און
האָט צו אים געזאָגט: רבי, איך װעל דיר נאָכפֿאָלגן,
20 װוּ נאָר דו װעסט גײן. און ישוע זאָגט צו אים:
די פֿוקסן האָבן הײלן, און די פֿײגל פֿון הימל—נעסטן;
דער בן־אדם אָבער האָט נישט, װוּ דעם קאָפּ